**גוט שבת אלע אידן.** אין דעם יאר תשי״ט איז דער סקולענער רבי רב אליעזר זוסיא פורטוגאל זצ״ל באפרייט געווארן פון דעם רשעות׳דיגען קומאניסטישען לאנד רומעניע. אזוי ווי עס איז באקאנט, דער סקולענער רבי זצ״ל האט אסאך עוסק געווען אין באפרייען די אידן וואס זענען ליידער געבליבן אין דעם קומאניסטישען גיהינום אין רומעניע. דער סקולענער רבי איז אפילו געגאנגען צו אמעריקאנישע ״פאלעטישענס״ כדי צו פועל׳ן ישועות פאר די אידן אין רומעניע. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן וועגן די עסקנות פון סקולענער רבי׳ן זצ״ל צו העלפן אידן אין רומעניע.

הענרי ״סקופ״ דזשעקסאן איז געווען א יונייטעד סטייטס סענעטאר פון דעם סטעיט וואשינגטון ,וואס ליגט אויף דעם מעריב ברעג פון אמעריקע. פארשטייט זיך אז סענעטאר דזשעקסאן איז געווען א גוי, אבער ער האט אסאך מכבד געווען אידן און ער האט אסאך אויפגעטון פאר אידישע צוועקן דורך זיינע פאליטישע קאריערע. איינע פון דעם סענעטאר׳ס נאנטע מענטשן איז געווען דער עסקן ר׳ משה לאנדינסקי, א רב פון שטאט סיאטעל, אין דעם סטעיט וואשינגטאן. ר׳ משה האט געהאלפן צוזאמענעמען געלט פאר סענעטאר דזשעקסאן ווען דער סענעטאר איז געלאפן פאר סענעטאר, וכו׳. וועגן דעם האט ר׳ משה געהאט א נאנטע שייכות מיט׳ן סענעטאר.

איין טאג עטליכע 30 יאר צוריק האט ר׳ משה באקומען א טעלעפאן קאל פון דעם גבאי פונעם סקולענער רבי׳ן זצ״ל. ״איך רוף אייך אין דעם נאמען פונעם סקולענער רבי שליט״א,״ האט דער גבאי אנגעהויבן צו זאגן פאר ר׳ משה. ״דער רבי שליט״א מוז זיך טרעפן מיט סענעטאר דזשעקסאן מארגן ניין אזייגער אינדערפרי. קענט איר אפשר ערלעדיגען א פגישה צווישן דעם רבי׳ן און דער סענעטאר?״

ר׳ משה האט נישט געוואוסט אויב ער וועט עס קענען ערלעדיגען, ווייל דער סענעטאר איז געווען גאר א פארנומענער מענטש. אבער, ב״ה צום סוף איז ר׳ משה דורכגעקומען צו דעם סענעטאר. ר׳ משה האט טאקע מצליח געווען צו קובע זיין א פגישה אין דעם נעקסטען טאג, פונקט אזוי ווי דער רבי האט געוואלט. דער סקולענער רבי האט געבעטן אז ר׳ משה זאל אויך זיין דארט ביי די פגישה מיט דעם סענעטאר כדי צו זיין א דאלמעטשער (מתרגם), ווייל דער רבי האט נישט גערעדט קיין ענגליש. וועגן דעם האט ר׳ משה געכאפט דעם נעקסטען פליגער קיין וואשינגטאן די. סי. (דער הויפטשטאט פון אמעריקע, וואס ליגט אויף דעם דרום זייט פון דא, בערך 4 שעה פון דא מיט א קאר.)

דער סקולענער רבי איז געפארן מיט די גבאים גאר אינדערפרי קיין וואשינגטאן די. סי. זיי זענען גלייך אריינגעגאנגען אין דעם אפיס פון דעם סענעטאר. באלד דערנאך האבן זיי אנגעהויבן דער פגישה. ר׳ משה איז געשטאנען לעבן דעם רבי׳ן גרייט צו טייטשן יעדע הייליגעווארט וואס דער רבי וועט זאגן. דער רבי האט געעפענט זיין מויל צו רעדן. אבער, ער האט נישט געקענט רעדן ווייל ער איז זייער נתרגש געווארן. דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו וויינען שטארק.

״וואס איז געשען?״ האט דער סענעטאר געפרעגט מיט אן ערשטוינטקייט. דער רבי האט פרובירט צו רעדן צווישן דעם וויינען, אבער ר׳ משה האט נישט געקענט פארשטיין קיין איין ווארט. ר׳ משה האט געווארט ביז דער רבי וועט קומען צו זיך, אבער דער רבי האט ווייטער געוויינט.

דער סענעטאר האט געגעבן א רוף אן צו ר׳ משה זאגענדיק, ״זאג פאר דעם ראביי אז איך ווייס וואס ער וויל. זיי אזוי גוט און פרעג אים וואס איך זאל טון וועגן דעם.״ ר׳ משה האט עס איבערגעטייטשט פאר דעם רבי׳ן. דער סענעטאר האט נישט געווארט אויפ׳ן רבי׳ן׳ס תשובה, נאר, ער האט געפרעגט נאכאמאל, ״ווי אזוי זאל מען עס אפהאלטן...״ ר׳ משה האט נישט פארשטאנען וואס גייט דא פאר.

דער רבי האט געענפערט פאר ר׳ משה, ״דער סענעטאר ווייסט וועלכע קנעפלעך צו דריקן...״ ר׳ משה האט די ווערטער געטייטשט פאר דעם סענעטאר. דער סענעטאר האט גלייך אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, און געדריקט א טעלעפאן נאמבער, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן. ר׳ משה האט צוגעהערט וואס דער סענעטאר האט גערעדט אויפ׳ן טעלעפאן. דורך דעם איז ער געוואר געווארן וועגן וואס דער רבי האט געמיינט. עטליכע טעג פריער, האט די רשעות׳דיגע רומענישע רעגירונג געמאכט אן עלילה קעגן 20 אידן, און די פאליציי האט ארעסטירט די אידן און זיי איינגעשפארט אין תפיסה. די אידן זענען ליידער גע׳משפט געווארן צו מיתה אין אפאר טעג ארום. עס איז באוואוסט געווארן אז די רומענישע רעגירונג האט געמאכט די עלילה נאר ווייל זיי האבן געוואלט אויסשפילן די אמעריקאנער. ווי אזוי? די רומענישע רעגירונג איז גרייט געווען אויסצולייזן די אידן, אבער זיי האבן עפעס געבעטן צוריק פון אמעריקע, ד״ה רומעניע זאל באקומען א ספעציעלע סטאטוס אין מסחר זאכן לגבי אמעריקע. (עטליכע מדינות אין די וועלט האבן די ספעציעלע סטאטוס לגבי אמעריקע, און דורך דעם קענען זיי אריין און ארויסנעמען סחורה פון אמעריקע מיט א נידריגע שטייער, און זיי קענען גרינגער בארגן געלט פון אמעריקע וכו׳.) בקיצור, רומעניע האט שטארק געוואלט דעם סטאטוס, און זיי האבן געמאכט די עלילה קעגן די אידן כדי צו האבן א כח צו בעטן דעם סטאטוס אלס שכר פארן אויסלייזן די אידן.

דער סענעטאר האט גערופן דעם רומענישע אמבאסאדאר, זאגענדיק, ״איך בין דער הויפט פון דעם קומיטע וואס איז אחראי אויף געבן דעם ספעציעלע סטאטוס. איך ראט אייך, אז איר זאלט שנעל רופן עייער פריים מיניסטער (פרעזידענט) און זאגט פאר אים אז טאמער די 20 אידן זענען נישט באפרייט ביז 48 שעה, קען איך אייך צו זאגן מיט א זעכערקייט אז רומעניע וועט קיינמאל נישט באקומען קיין הילף פון אמעריקע. האר וועט וואקסן אויף דעם פלאך פון מיין האנט פאר רומעניע וועט קריגען דעם ספעציעלען סטאטוס!״ מיט די ווערטער האט דער סענעטאר אראפגעהאקט דעם טעלעפאן. דער סענעטאר האט אנגעקוקט ר׳ משה און געזאגט, ״זאג פאר דעם ראביי אז אלעס איז ערלעדיגט געווארן.״ דער רבי האט געשמייכעלט און ער האט געבען זיין האנט פאר דעם סענעטאר.

פאר מיר גיין ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים אין דער מעשה וואס האבן א שייכות צו אונזער פרשה. דער הייליגער רמב״ן זי״ע רעדט פון דעם עניין פון אמונת צדיקים, אין זיין פירוש אויפ׳ן פסוק ״...לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל.״ (דברים יז,יא) זאגט דער רמב״ן זי״ע וועגן א צדיק ״...כי רוח השם על משרתי מקדשו, ׳ולא יעזוב את חסידיו, לעולם נשמרו...׳ מן הטעות ומן המכשול.״ (תהלים לז,כח) עכל״ק. ד״ה, ווען מען פאלגט א צדיק, האט מען א באזונדערע סיעתא דשמיא צו מאכן די ריכטיגע החלטות אין לעבן. איז לאמיר יעצט ענדיגען דער מעשה וואס וועט אונז מחזק זיין צו האבן מער אמונת צדיקים.

...ביז 48 שעה זענען די 20 אידן באפרייט געווארן פון רומעניע און זענען זיי געפארן קיין ארץ ישראל. אין אמת׳ן אריין, האט די עסקנות פון דעם סקולענער רבי׳ן זצ״ל גורם געווען די מפלה פון די קומאניסטן, ימ״ש. ווי אזוי? סענעטאר דזשעקסאן האט געמאכט א נייע געזעץ, אז יעדע מדינה וואס האט געוואלט קריגען דעם ספעציעלע סטאטוס האט געדארפט האבן אפענע גרעניצן, ד״ה, צו לאזן מענטשן ארויסגיין פון דער מדינה פרייערהייט.

א פאר יאר שפעטער האט רוסלאנד געהאט א גרויסע הונגער און זיי האבן נישט געהאט קיין ווייץ. די קומאניסטן ימ״ש האבן געדארפט צוקומען צו די אמעריקאנער. דעמאלט האט דער געזעץ וואס סענעטאר דזשעקסאן האט געמאכט, צוריקגעהאלטן רוסלאנד פון באקומען הילף פון אמעריקע, בעפאר זיי וועלן עפענען דעם גרעניץ. באין ברירה האט רוסלאנד טאקע געעפענט דעם גרעניץ, און דורך דעם איז געווארן די ערשטע שפאלטן אין דעם ״אייזענעם פארהאנג״, די קומאניסטישע שליטה איבער מזרח–אייראפא.

ר׳ משה, דער רב וואס איז געקומען מיט דעם סקולענער רבי דעמאלט צו דעם סענעטאר, האט נאכדעם געפרעגט דעם סענעטאר פארוואס ער איז געווען אזוי ווארעם צו אידישע צוועקן. ״עס זענען דריי סיבות,״ האט דער סענעטאר אנגעהויבן צו ענטפערן ר׳ משה׳ס פראגע. ״איינס איז, איך בין געווען א פראסעקיוטער (קטגור) ביים נירעמבורג משפט קעגן די דייטשן ימ״ש נאך דער מלחמה. און דורך דעם האב איך געזען ווי סאך די אידן האבן געליטן אין די לאגערן, און דעמאלט האב איך אפגעמאכט אז איך וועל טון אלעס וואס איז נאר שייך צו העלפן אידן. צווייטענס, מיין מאמע, וואס איז געווען א אלמנה, האט געארבעט אלס גוי׳טע ביי א אידישע משפחה. די משפחה האט באהאנדלט מיין מאמע גאנץ פיין. זיי האבן איר געגעבן מער צו עסן אין די ״דעפרעשען״ יארן, די שווערע יארן פון צווישן בערך תרע״ט ביז די צווייטע וועלט מלחמה, כדי מיין מאמע זאל קענען אויפהאדעווען די קינדער. אין איר ״צוואה״, האט מיין מאמע געהייסן אז אירע קינדער זאלן אייביג טון גוטס פאר אידן. דריטענס, ווען איך בין געווען א יונגעל, בין איך געווען דער ׳שבת גוי׳ פאר עטליכע משפחות, און זיי האבן געטון חסד מיט מיר.״

דער סקולענער רבי האט געהאלפן אז די קומאניסטן ימ״ש זאלן ב״ה אינטערגיין. פון דא זעט מען דעם כח פון א צדיק. דורך ליינען דער מעשה קענען מיר אלע נתחזק ווערן אין דעם ענין פון אמונת צדיקים. נאכמער זאגט דער מדרש אין דעם נאמען פון ר׳ אבהו, אז ״כל המהרהר אחרי רבו כאלו מהרהר אחרי השכינה וגו׳.״ (מדרש תנחומא קרח פרק י) ד״ה מען זאל פאלגען א צדיק אזוי ווי מען פאלגט דעם אייבערשטען. דורך דעם וועלן מיר האבן סיעתא דשמיא צו קענען דינען דעם אייבערשטען אין א ריכטיגע אופן מתוך שמחה. **גוט שבת אלע אידן.**

לע״נ שיינדל בת ר׳ אלחנן ע״ה

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362–3234 (845) ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (זוהר הקדוש שמות פר׳ תרומה קלא:)